# קאנטאר שמואל וויגאדא

### וואָס מוזיקער און קונסט-קריטיקער פון דער וועלט פרעסע שרייבען וועגען איהם

איינינע קריטיק-אויסצוגען פון צייטונגען אין אונגארן, שווייץ, האלאנד, פראנקרייך, ארגענטינא, אמעריקא און קענעדע (דאָס איז בלויז א קליינער טייל און פארקירצט)



וו. דייטש אין „אז אוישאג" בודאפעסטער צייטונג:
אין אַלע אידישע קרייזען פון אונזער שטאט קאָכט מיט דיעזען יונגען מאַן, מיט זיין אויסערגעוועהנליכען טאלאנט פארדונקעלט ער אַלע אַנדערע חזנים פון בודא-פעסט, די אַלטע תפילות קריגען זייער תיקון דורך זיין אינטערפרעטאציע און אַלטע אידען וואָס האָבען שוין אַסך געהערט און געזעהען הערען זיך צו ווי באַצויבערטע."

איזראעליטישעס וואכענבלאט פיר די שווייץ:
„קאנטאר וויגאדא באזיצט א בריליאנטענע קלאַנגפולע און העכסט אנגענעהמע און בויגזאמע העלדענטענאָר שטימע וועלכע איז באזונדערש איבעראשענדיג הערליך אין די הויכע לאגע — אין זיין פארטראג דאמינירען טראדיציאנעלע מאטיוען העכסט מוזיקאליש באהאנדעלט, ער פארשטעהט צו ריהרען די הערצער און די אנדעכטיגע שטימונג אין העכסטען גראד ארויסצורופען."

א. גרין אין אידישע פרעסצענטראלע ציריך:
„דער קאנצערט פון חזן וויגאדא האָט באוויזען אז ער איז ניט נור גרויס אַלס טעמפּעלזינגער נאָר אַז ער איז אויך א קינסטלער אין זשארגאן ליעדער און אפּערא אריען. ער האָט פארגעטראגען די שווערסטע קאמפּאזי-ציאָנען מיט א געניטקייט און פאלקאמענהייט, וואָס מיר האָבען שוין לאַנג אזוינס אין אונזער שטאט ניט געהערט. מיר האָבען ניט געוואוסט וואָס צו באוואונדערען פריהער, זיין פרעכטיגע שטימע אָדער זיין פערפעקטע געזאנגס-טעכניק, זיין געפיהלפולען פארטראג אָדער זיין אויסער-געוועהנליך רייכע קאלאראטור. עס איז געווען א זעלטענער קונסט-גענוס."

א. קרייפעלד אין סענטראל בלאד, אמסטערדאם:
„דער וועלט באַריהמטער נאָמען פונ'ם בודאפעסטער אבערקאנטאר סעמועל וויגאדא האָט צוגעצויגען א ריע-זיגען פובליקום אין שטאטישען „קאסינא." מיר האָבען געהערט א גאָט-געבענטשטען טאַלאַנט וועלכער האָט נאָך מעהר ווי באַרעכטיגט די לויבגעזאנגען פון די רעקלאמען. זיין אָסט-אידישער סטיל איז דערפרישענד און גיט צו אַן אומבאשרייבליכען חן און אריענטאלישען רייץ. א פארזוך דארף געמאכט ווערען דיעזען גרויסען חזן צו באוועגען זיך און אונזער מיטע צו באזעצען."

מ. סטרוים אין נייע וויקבלאד, האלאנד:
„חזן וויגאדא באנוצט זיך מיט פיאניסימא אויף א זעהר ווירקזאמען אופן. ער איז אָהן צווייפעל איינער פון די גאָר גרויסע קינסטלער אין זיין פאך וועמען עס ווילט זיך הערען נאָכאמאָל און נאָכאמאָל ווייל ער איז אריגינעל און אימער ניי און אינטערעסאַנט."

מ. שאפּירא שרייבט אין אידישען טאגעבלאט אונטער דעם קעפּעל „א חזן וואָס איז בעסער פון קארוזא":
„צו זאָגען דעם ריינעם אמת האָט נאָך קיינער פון די ריעזען פון נגינה וואָס געפינען זיך ביי אונז אין ניו יאָרק נאָך קיינמאָל נישט געמאכט אויף אונז אזא שטאַרקען איינדרוק ווי חזן וויגאדא. ערשטענס זיין שטימע: דאָס איז ווירקליך א וואונדער, וואָס מיר האָבען קיינמאָל אזא נישט געהערט, א ווייכע צארטע זיעסע און קלאהרע טענאָר וועלכע קלינגט אָפּ אין די אוירען אזוי ווי מיט א זילבער קלאַנג. זי דרינגט אריין אין אייער הארצען מיט אזא כישוף, דערצו איז זי גלאַט ווי א סאמעט, מעכטיג און אזוי פעהלערלאז און קלאָהר גלייך ווי זי וואָלט ארויס-געקומען פון א וואונדערבארען אינסטרומענט און נישט פון א מענשליכער האַלז.

"צווייטענס זיין הארציגקייט, ער איז א וואהרער פּאָעט פון נגינה וועלכער נעמט אייך דורך און דורך און ריהרט אייך ביז צו דער טיעפעניש פון דער נשמה. דאָס ערשטע מאָהל וואָס א חזן האָט ארויסגערופען טרערען ביים שרייבער איז געווען חזן וויגאדא.

„מיר וועלען גאָר נישט זיין איבעראַשט ווען חזן וויגאדא וועט דא אין גיכען ווערען דער הויפּט פון אַלע חזנים," ענדיגט מר. שאפּירא.

בן-עמי שרייבט אין טאגעבלאט:
„איך האָב געהערט יאָסעלע ראָזענבלאט'ס נאָכפאָלגער חזן וויגאדא און ער איז ווירקליך א סענזאציע. אויסער זיינע וואונדערבארע כלים מיט וועלכע ער צייכענט זיך אויס באזיצט ער אויך אייגענארטיגקייט אין זיין דאוונען ניט די שאַבלאָנישע תפלה וואָס מען הערט פון אַלע אַנדערע חזנים, אַן אייגענער סטיל, זיין פירוש המלות און זיין שטייגער זאָגען דערמאָנט אָן די גרעסטע וועלט חזנים יעקב באכמאַן און ראזומני. אַלע האָבען אויסגע-דריקט די איבערצייגונג אַז די אוהב צדק האָט ווידער ערוועהלט א גרויסען וועלט קינסטלער."

סאלאמאן גאלוב שרייבט אין „טאג":
„ער קאנטראלירט זיין פיאנא זעהר עפעקטיוו און זיינע קאָפּ-טענער זענען ריין און ווירקזאם און באזונדערש שעהן. זיין זאָגען איז טעמפּעראמענטפול, עכט אידיש און דאָך מוזיקאליש אויסגעהאלטען. ער באציהט זיך מיט טיעפע ערנסטקייט צו זיין טעקסט און באווייזט מיט דעם אַז ער ווייסט דעם מקור פון וואַנען די הארציגע געזאנגען קומען וואָס בלייבען שטענדיג ניי. זיין אויסגעהאלטענ-קייט אין פארטראג שטעמפּעלט איהם אַלס פאַכמאַן דורך און דורך."

Cantor Samuel Vigoda was born in Dobrzin, Russian Poland. His father was also a cantor in whose choir he sang from early childhood. The family later emigrated to Hungary where he joined the choirs of many famous cantors, among whom was the late Joseph Rosenblatt, who at that time occupied the cantor's position at Pressburg. He also received a thorough Talmudic education at several Yeshivah institutions of Hungary, and his yearning for knowledge made him also take up courses at the conservatories of Klauzenburg and Budapest; he also studied medicine at the universities of these cities, at the same time always continuing his singing in various choirs as a means of earning a livelihood.

The World War interrupted his studies. He was drafted into the Hungarian army and continued there until the Armistice, when he quit with the rank of First Lieutenant.

Unable to continue his studies due to the anti-semitic "numerus clausus" law, he decided to embrace the cantorate as his life calling. He became the Chief Cantor of the Arena Temple at Budapest, and very soon his fame spread throughout the lands of Europe and even beyond the continent; and in 1926 when the late Cantor Joseph Rosenblatt left his position at the first Hungarian Congregation, Ohab Zedek, of New York, Samuel Vigoda was chosen as his successor.

He has since achieved world wide fame and has been acclaimed by Jewish audiences everywhere for his unusually beautiful and powerful tenor voice and his masterful rendition of liturgical music. He has toured Europe several times and recently returned from an extended concert tour of South America, in the course of which he appeared in Argentina, Brazil, Uruguay, Chile and other countries with notable success. He also appeared in most cities of the United States as guest Cantor of many congregations. He is a composer of many well known hymns and his numerous recordings which he made for the R.C.A. Victor Company are favorites of Jews throughout the world. He is also one of the foremost interpreters of Jewish folk songs which he always includes in his program together with classical numbers.

SAMUEL
# VIGODA

World Famous Cantor
and Concert-Singer



Most original interpreter of liturgical hymns, classical music and folklore

## VICTOR ARTIST

*available for*
SATURDAY SERVICES
— *and* —
CONCERTS
in a classic repertoire of
Hebrew, Yiddish, English, French, German, Italian and Hungarian selections

REV. SAMUEL VIGODA
1691 Nelson Avenue
New York City

TRemont 2-0472